# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

341 | פרשת דברים | תש"פ

## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### די ברכה פון 'זהב' איז מלמד זכות אויף אידן

**"וְדִי זָהָב"** (א א)

שטייט אין **רבינו בחיי** (שמות כה כד) אז די ווארט 'זהב' וואס שטייט אין תורה אויף די שולחן פון די לחם הפנים איז א רמז אויף די דריי ערשטע ברכות פון ברכת המזון וואס זייער חיוב איז מדאורייתא: 'הזן', 'הארץ' און 'בונה ירושלים'.

לויט די ווערטער פון רבנו בחיי, ערקלערט דער שאמלויער רב **רבי שלמה זלמן עהרנרייך** די סיבה פארוואס נאך וואס משה רבינו האט דערמאנט די אלע פלעצער וואו די אידן האבן דארט געזינדיגט (אזוי ווי רש"י ערקלערט דא), האט ער געענדיגט זיינע שטראף רייד מיט די ווארט "זהב". ווייל דערמאנען ברכת המזון איז א לימוד זכות אויף אידן, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות כ ב) אז ווען די מלאכי השרת האבן געפרעגט פון הקב"ה פארוואס איז ער מוותר פאר די אידן, האט ער זיי געענטפערט: "וכי לא אשא פנים לישראל?! שכתבתי להם בתורה "ואכלת ושבעת וברכת" [אז נאר נאכן עסן 'צו די זעהט' ווערט מען מחוייב מיט ברכת המזון] והם מדקדקים על עצמם [צו בענטשן אויך נאכן עסן] עד כזית ועד כביצה!".

'טיול בפרדס' חלק הרמז אות ז

### קומען פריה אין שול - א סגולה אויף אריכות ימים

**"ה' אֱלֹקֵיכֶם הִרְבָּה אֶתְכֶם וְהִנְּכֶם הַיּוֹם כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם לָרֹב"** (א י)

אין מדרש (דב"ר א יא) שטעלן צו די חכמים צו דעם פסוק דער פסוק אין תהלים (תהלים ה ח): "וַאֲנִי בְּרֹב חַסְדְּךָ אָבוֹא בֵיתֶךָ אֶשְׁתַּחֲוֶה אֶל הֵיכַל קָדְשְׁךָ בְּיִרְאָתֶךָ", און מ'דארף פארשטיין די שייכות צווישן די זאכן?

דער מקובל **רבי שמשון אויסטארפאליער** האט ערקלערט:

אין דעם ספר הקדמון 'קרניים' (מאמר י) ווערט געברענגט אין נאמען פון רב הונא, אז זאגן דער פסוק "ואני ברוב חסדך..." נוצט אקעגן עין הרע. און מ'קען זאגן אז דאס האט דער מדרש געמיינט, דערנאך וואס משה האט געזאגט "ה' אלקיכם הרבה אתכם...", האט ער באלד געזאגט דעם דערמאנטן פסוק, כדי מבטל זיין די עין הרע וואס וואלט ווען געקענט ערוועקט ווערן דורך זיינע ווערטער.

מיט דעם ערקלערט **רבי צבי יצחק אבראמאוויטש** דער רב פון חצור הגלילית וואס רש"י ברענגט אין 'ספר האורה' (ח"א סי' נו) אז ווען עס נעמען זיך צוזאם מענטשן צום דאווענען און ווילן וויסן צי עס זענען דא צען מענטשן, זאל זיי זיך ציילן מיט די צען ווערטער פון דער פסוק "ואני ברוב חסדך אבוא ביתך..."; ווייל ציילן א ציבור קען צוברענגען א עין הרע (רש"י שמות ל יב), דעריבער זאל מען ציילן מיט א פסוק וואס איז א סגולה אקעגן עין הרע.

אויף א אנדערן אופן האט ערקלערט **רבי יהודה לייב בן רבי מרדכי הוליש**:

אין מסכת ברכות (ה א) ווערט געברענגט אז רבי יוחנן האט זיך געוואונדערט: וויאזוי קען זיין אז עס זענען פאראאן עלטערע מענטשן אין בבל, די הבטחה (דברים יא כא): "למען ירבו ימיכם וימי בניכם" איז דאך געזאגט געווארן נאר: "על האדמה אשר נשבע ה' לאבותיכם"? אבער דערנאך וואס מ'האט אים דערציילט אז די עלטערע אידן פון בבל קומען פריה אין שול און פארזוימען זיך ביז שפעט, האט ער פארשטאנען אז די זכות איז זיי בייגעשטאנען.

מיט דעם וואס די חכמים האבן צוגעשטעלט דעם פסוק: "ה' אלקיכם **הרבה** אתכם" וואס איז מרמז אויף די ברכה: "למען **ירבו** ימיכם", צו דעם פסוק: "ואני ברוב חסדך אבוא ביתך", האבן זיי געוואלט מרמז זיין אז די זכות פון זיך פארזוימען אין שול העלפט אויף אריכות ימים.

'דן ידין' על ספר קרניים מאמר יא; 'טעם הצבי'; 'מאמר מרדכי' [דירהנפורט תע"ט]

### משה האט מתקן געווען די 'מאה ברכות'

**"ה' אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵכֶם יֹסֵף עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם"** (א יא)

פון דער לשון הפסוק (דברים לג א): "וזאת הברכה אשר ברך משה **איש האלהים**" - וואס זיינע דריי לעצטע ווערטער זענען ראשי תיבות 'מאה' - זאגט רבי יעקב בעל הטורים אז משה רבינו עליו השלום האט מתקן געווען זאגן 'מאה ברכות', און דערנאך וואס אין לויף פון די דורות איז עס פארגעסן געווארן, האט עס דוד המלך צוריק באנייט (במדב"ר יח כא; 'כד הקמח' ערך ברכה). און דאס האט משה צוגעזאגט פאר די אידן אין אונזער פרשה: "ה' אלקי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים" - אויב ענק וועלן זאגן יעדן טאג מאה ברכות, וועלן ענק זוכה זיין צו טויזנט זהובים, ווייל די ווערד פון יעדע ברכה איז צען זהובים (חולין פז א).

**רבי יעקב יהושע פראמאן** פון לאדזש לייגט צו, פון דעם וואס די ראשי תיבות פון דער פסוק: "יוסף עליכם ככם" איז בגימטריה מאה, קען מען פארשטיין אז דער פסוק רעדט פון די שכר אויפן זאגן מאה ברכות. לויט דעם האט ער אויך געטייטש וואס דער 'בעל הטורים' ברענגט דא, אז אין נאך איין פסוק אין תנ"ך שטייט די ווארט "וִיבָרֵךְ" מיט די זעלבע נקודות: "תהלת ה' ידבר פי וִיבָרֵךְ כל בשר שם קדשו לעולם ועד" (תהלים קמה כא). לויט דעם פארשטייט מען די שייכות, ווייל די צוויי פסוקים רעדן פון ברכות.

'בעל הטורים' דברים לג א; 'נחלת יעקב יהושע'

צו דעם קען מען נאך צולייגן, עס איז באקאנט די ווערטער פון ש"ך (חו"מ שפב כ) אז נאר א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט א אמן איז ווערד צען זהובים. און דאס איז אויך מרומז אין דער פסוק, וואס די ראשי תיבות: "עליכם ככם אלף" זענען גימטריה צ"א אזוי ווי די גימטריה פון אמן.

### א תפילה אויף כבוד שמים ווערט אנגענומען

**"וְלֹא שָׁמַע ה' בְּקֹלְכֶם וְלֹא הֶאֱזִין אֲלֵיכֶם"** (א מה)

די כוונה פון דאפלען דעם לשון ערקלערט **רבי שמעון סופר פון קראקא**:

"ולא שמע ה' בקולכם" - ווייל עס איז נישט געהערט געווארן דעם אייבערשטנ'ס נאמען ווען ענק האבן געדאוונט, ווייל ענק האבן געדאוונט נאר אויף ענקער גוטסקייט און ענק האבן נישט אינזין געהאט אויף גלות און צער השכינה, דעריבער: "ולא האזין אליכם" - איז ענקער תפילה נישט אנגענומען געווארן.

מיט דער יסוד קען מען אויך ערקלערן דעם דרש פון רבי יהושע בן לוי אין נאמען פון רבי פנחס בן יאיר (ילק"ש תהלים תתמג) אויפן פסוק (תהלים צא יב): "אשגבהו כי ידע שמי"; "מפני מה ישראל מתפללין בעולם הזה ואינם נענים? על ידי שאינם יודעין שם המפורש" - ווייל זיי ווייסן נישט אז זיי דארפן ארויסזאגן אז זיי דאווענען פארן אייבערשטנ'ס נאמען.

'מכתב סופר'

### תפילה עושה מחצה

**"וַתָּשֻׁבוּ וַתִּבְכּוּ לִפְנֵי ה'... וַתֵּשְׁבוּ בְקָדֵשׁ יָמִים רַבִּים כַּיָּמִים אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם"** (א מה-מו)

"'ותשבו בקדש ימים רבים' - י"ט שנה. שנאמר: 'כימים אשר ישבתם' בשאר המסעות, והם היו ל"ח שנה - י"ט מהם עשו בקדש וי"ט שנה הולכים ומטורפים... כך מצאתי בסדר עולם".

וואס איז די סיבה וואס צוליב דעם האבן זיך צוטיילט די 38 יאר פון די מסעות - האלב פון זיי אין קדש וואס איז געווען במנוחה, און האלב פון זיי האבן זיי געוואנדערט פון איין פלאץ צו א צווייטע פלאץ?

זאגט **רבי פנחס הלוי הורוויץ** דער 'הפלאה':

משה רבינו און די אידן האבן געדאוונט זיי זאלן נישט דארפן וואנדערן אין מדבר, און ווייל די חכמים זאגן (ויק"ר ז א) 'תפילה עושה מחצה', דעריבער האבן זיך די יארן צוטיילט; ניינצן פון זיי האבן זיי זיך געוואלגערט פון איין פלאץ צום צווייטן, און ניינצן יאר זענען זיי געזיצן במנוחה.

'פנים יפות'



יִתְגַּבֵּר כָּאֲרִי לַעֲמֹד בַּבֹּקֶר לַעֲבוֹדַת בּוֹרְאוֹ

"דער אר"י הקדוש האט געענטפערט אמן נאך די וואס האבן געזאגט די ברכות השחר אין שול, אפילו אויב עס זענען געווען הונדערט - האט ער געענטפערט אמן נאך זיי"

'שערי תשובה' או"ח ו ה

'ואמרו אמן' - פארמערן צו ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## ברכת התורה (ב)

### עסק התורה

די ערשטע ברכה פון די סעריע ברכות התורה ענדיגט זיך מיטן לשון: 'לעסוק בדברי תורה', און נישט: 'ללמוד תורה', ווייל די הויפט מעלה פון לערנען תורה איז די פלאג. אויך די פיל ברכות וואס מיר טרעפן אין פרשת בחוקותי זענען אנגעהאנגען אין 'עמל התורה', אזוי ווי די חכמים דרש'ענען (ספרא בחוקותי ב) "אם בחוקותי תלכו" - "להיות עמלים בתורה" (ב"ח או"ח מז; ט"ז שם א).

פון דא קענען מיר לערנען א שטארקער דערהער: כדי זוכה זיין צו א חלק אין תורה, איז נישט גענוג אז מיר ווילן לערנען, נאר מיר דארפן זיך פירן אין דעם ווי 'ביזנעסמאן'; אזוי ווי דער ביזנעסמאן ליגט אינגאנצן אין זיין ביזנעס, ווייל כדי צו מצליח זיין דארף ער אגאנצע צייט אויסרעכענען זיינע טריט, צי זיין ביזנעס ווערט געפירט מיט הצלחה און אגאנצע צייט שטיין אונטער די בליק פון דער בוך-האלטער וואס קוקט איבער די פארדינסטן אקעגן די שאדן, אזוי אויך ביים לערנען די תורה דארף דער מענטש שטענדיג טראכטן און רעכענען, איינערקענען זיינע מעלות און פעהיקייטן און זעהן אויב זיין לערנען איז אויסגעשטעלט אויף א געלונגענעם וועג לויט זיינע מעגליכקייטן.

אזוי אויך, אזוי ווי דער קלוגער סוחר לייגט אריין זיין גאנצע קאפ אין זיינע ביזנעס און פארברענגט נישט זיין צייט מיט אזעלעכע זאכן וואס זענען נישט פארבינדן מיט די הצלחה פון זיין ביזנעס, אזוי אויך דער וואס ליגט אין לערנען דארף זיך אינגאנצן אריינווארפן אין דעם, לערנען טאג און נאכט און נישט טראכטן פון עולם הזה'דיגע זאכן וואס זענען נאר ווי א טפל אקעגן זיין הויפט ציל ('אור יחזקאל' ח"ו עמ' קצג, אין נאמען פונעם אלטן פון קעלעם).

די סיבה פארוואס מיר זאגן "לעסוק **בדברי** תורה", און נישט "לעסוק בתורה" ווייל דער לשון 'לעסוק בתורה' מיינט אין תורה אליין, ד.מ.: לערנען תורה 'לשמה'. אבער אין לשון 'דברי תורה' איז אויך אריינגערעכנט אזא לערנען וואס איז 'שלא לשמה' וואס ווערט אנגערופן 'פטטיא דאוריתא' (זעה אין ירושלמי ברכות ט ה). דעריבער זאגן מיר דווקא די לשון, ווייל ווער קען אונז צוזאגן אז מיר וועלן טאקע לערנען 'לשמה' ('צדקת הצדיק' אות נט).

### זיסקייט און געשמאק פון תורה

ביי די בקשה 'והערב נא' בעטן מיר פונעם באשעפער ער זאל אונז זיס מאכן די תורה, אזוי אז מיר זאלן פילן א געשמאק און א פרייד ביים לערנען, מיר זאלן לערנען מיט ליבשאפט און נישט געצווינגענערהייט, אזוי ווי דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים (קיט צז): "מה אהבתי תורתך כל היום היא שיחתי" (רש"י ברכות יא ב ד"ה הערב).

עס לוינט זיך אז יעדער זאל איינ'חזר'ן די וואונדערליכע ווערטער פון 'אור החיים' הקדוש אויפן פסוק (דברים כו יא): "ושמחת בכל הטוב": "אין טוב אלא תורה. אויב די מענטשן וואלטן געפילט די זיסקייט פון די גוט'ס פון די תורה, 'היו משתגעים ומתלהטים אחריה ולא יחשב בעיניהם מלוא העולם כסף וזהב למאומה, כי התורה כוללת כל הטובות שבעולם'".

דווקא מיט דעם לשון בעטן מיר אויף לימוד התורה, ווייל פילן א געשמאק און א פארגעניגן איז א חלק פון מצות תלמוד תורה, אזוי ווי עס שטייט (שם קיט קג): "מה נמלצו לחכי אמרתך מדבש לפי" ('עולת תמיד' פרק י).

און אזוי שרייבט דער 'אגלי טל' אין זיין הקדמה: "דער עיקר מצוה פון לימוד התורה איז צו זיין לוסטיג און פרייליך און האבן א פארגעניגן ביים לערנען און דעמאלטס ווערט די תורה איינגעזאפט אין זיין בלוט, און ווייל ער האט הנאה פון די תורה ווערט ער באהאפטן צו די תורה... דער וואס לערנט לשם מצוה און האט א פארגעניגן פון זיין לערנען, ד.ה. הייסט געלערנט לשמה און עס איז הייליג, ווייל אויך די פארגעניגן איז א מצוה".

### 'צאצאינו וצאצאי צאצאינו'

די חכמים זאגן (בבא מציעא פה א): "כל שהוא תלמיד חכם, ובנו תלמיד חכם, ובן בנו תלמיד חכם - שוב אין תורה פוסקת מזרעו, שנאמר (ישעיה נט כא): "ואני זאת בריתי אותם אמר ה' רוחי אשר עליך ודברי אשר שמתי בפיך לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם".

לויט דעם יסוד האבן די ראשונים קובע געווען אין ברכה צו בעטן אויף "צאצאינו וצאצאי צאצאינו", ווייל דורך דעם זענען מיר זוכה די תורה זאל זיך נישט אויפהערן פון אונזערע קינדער ('ספר המנהיג' דיני תפילה יט; ב"ח או"ח מז).

אבער עס זענען דא וואס קריגן זיך און האלטן אז כדי אריינרעכענען די קינד'ס קינדער, דארף מען נישט זאגן "וצאצאי צאצאינו", ווייל זיי זענען אריינגערעכנט אין די ווארט "צאצאנו", ווייל דער תרגום (איוב כא ח) טייטש דער ווארט 'צאצאים': "בני בניהון" [=קינד'ס קינדער] ('מגן אברהם' ריש סי' מז).

**הקב"ה העלפט צו די לומדי תורה זיי זאלן פארשטיין**

אויף די תורה הקדושה איז געזאגט געווארן (איוב יא ט): "ארוכה מארץ מידה ורחבה מני ים" ד.מ. אז די תורה איז לענגער פון די מאס פון די ערד, און איר ברייט - איז מער פון די ים (ראה עירובין כא א). קומט אויס, אז נאר מיט א ספעציעלע הילף פון הימל קענען מיר זוכה זיין צו פארשטיין די תורה. דעריבער ענדיגן מיר די ברכה מיט די ווערטער: "המלמד תורה לעמו ישראל" - א לשון הווה, ווייל אין אלע דורות העלפט הקב"ה די לומדי תורה זיי זאלן עס פארשטיין, אזוי ווי מיר בעטן טאקע ביי די ברכה 'אהבה רבה': "ותן בליבנו בינה להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד..." ('סידור יעב"ץ'; 'ישועות יעקב' או"ח מז א).

א תלמיד פון מהרי"ל דיסקין האט דערציילט וואס ער האט אפט געזען מיט זיינע אויגן לערנענדיג מיט זיין גרויסן רבי'ן: ווען דער מהרי"ל האט זיך אנגעטראפן אינמיטן א סוגיא מיט א ענין וואס ער האט עס נישט געקענט פארענטפערן, האט ער געבעטן פונעם תלמיד וואס איז געזיצן אקעגן אים זאל הויעך אויפליינען דער לשון פון די גמרא, ווארט ביי ווארט, און אינצווישן האט ער שפאצירט אין צימער אהין און צוריק ווען ער איז פארזינקען אין זיינע געדאנקען, ביז עס האט זיך געעפענט די קוואל פון זיינע טרערן.

דעמאלטס פלעגט ער זיך שטעלן אין א ווינקל און האט געדאוונט מיט א צובראכן הארץ צו השי"ת זאל אים באלייכטן זיינע אויגן, און נאך וואס ער האט געזאגט ווידוי און צוגעזאגט צדקה, האט הקדוש ברוך הוא באלד ליכטיג געמאכט זיינע אויגן, און די סוגיא איז אים אינגאנצן קלאר געווארן ('עמוד אש עמ' לד).

"וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים"
אויב ווילט איר זיין א מזכה את הרבים און פארשפרייטן
די טייערקייט פון ענטפערן אמן אין ענקער געגנט
ביטע ווענדט זיך צו אונז אין פאקס 03-6193071 אדער אין די אימעיל אדרעס
9139191@gmail.com און מיר וועלן זיך פארבינדן מיט אייך.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## 'או חברותא או מיתותא'

די שטוינענדיגע ערציילונג איז צו אונז געשיקט געווארן דורך א כלי ראשון, א נאנטער און א גוטער פריינד, א טייערער איד. ווען דער מענטש וואלט ווען נישט מיטגעשיקט די אומגלויבליכע ווידיאו פון די סקיורעטי' קעמערע'ס, וואלט שווער געווען צו גלייבן אז אזא נס האט טאקע פאסירט.

א געווענליכע פריה-מארגן אין די רואיגע שטעטל אין דרום. רבי יצחק, א פלייסיגער יונגערמאן, גייט מיט געמאסטענע טריט אויף זיין וועג צו זיין אויטא וואס וועט אים פירן אין שול, דאווענען מיט זיין קביעות'דיגן מנין וואו ער דאוונט שוין עטליכע יאר. יעצט - נאך א לאנגע תקופה וואס די 'קאראנע' עפידעמיע האט פארשפארט די שולן - ווען ס'איז ב"ה גרינגער געווארן, האט רבי יצחק זיך געאיילט ער זאל אנקומען צייטליך צום דאווענען, אזוי ווי זיין שטייגער.

אביסל א שלעכטע געפיל האט באגלייט זיינע טריט. רבי יצחק איז פון די סארט אידן וואס האבן שוין א לאנגע צייט צוריק זוכה געווען לויבן דעם אייבערשטן בשלימות, ד.ה. זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא פארן דאווענען. אין לויף פון די תקופה בעפאר די קאראנע, אזוי אויך אין די קאראנע טעג, האט ער געדאוונט מיט זיין גרויסן זון, און זיי זענען געווען איינער פארן צווייטן ווי א 'חברותא'. אבער יעצט ווען די צייטן און די צושטאנד האבן זיך געענדערט, שוין עטליכע טעג וואס דער פאטער מיט זיין זון דאווענען נישט צוזאמען, און ביזן טרעפן א נייע 'חברותא' האט רבי יצחק געמוזט זאגן די ברכות פאר זיך אליין.

נאך צוויי מינוט פארן, טרעפט זיך רבי יצחק ביים אריינגאנג פון שול, טוט אן טלית און תפילין, און גייט צו זיין פלאץ אנהייבן דאווענען. ער האט שוין כמעט אנגעהויבן זאגן די ברכות, און פלוצלינג איז צוגעקומען ר' שמחה, איינער פון די קביעות'דיגע מתפללים אין דעם מנין, ער הייבט אויף זיינע צוויי פינגער'ס, ווען ער עפנט זיי און מאכט זיי אהין און צוריק ווען ער וואונקט מיט זיינע אויגן, ווי איינער וואס פרעגט... 'חברותא...?!'.

רבי יצחק קוקט אים אן אומגלויבליך; שמחה? א חברותא?? - דאס זענען דאך צוויי באגריפן וואס זענען נישט פארבינדן... שמחה איז קיינמאל נישט געווען פון די וואס זאגן די ברכות מיט א חברותא, פארקערט - נישט איינמאל האט ער זיך געלאזט הערן אקעגן די 'נייע' מנהגים וואס שפראצן ארויס יעדן טאג...

אין א געווענליכע צייט וואלט רבי יצחק זיך אינטערעסירט אויף דעם איבערראשנדן טויש, אבער אין די תקופה פון קאראנע - איז יעדער שטיל!! אין שול רעדט מען נישט! נאכן דאווענען וויל ער דערגיין דאס ענין, ווער ווייסט - אפשר וועט פון דעם ארויסקומען א גוטע ערציילונג פאר 'בני אמונים'...

און אינצווישן, דער יונגערמאן וואס שטייט אקעגן אים האט נישט אסאך צייט צו טראכטן, ער עפנט אויף די סידור און הייבט אן זאגן די ברכות, ווארט ביי ווארט מיט מחשבה ווי עס פאסט פאר ברכות וואס ווערן געזאגט מיט א חברותא.

ר' יצחק הערט צו און ענטפערט 'אמן'. נאך עטליכע טעג וואס ער האט געמוזט אויפהערן פון זיין אלטן מנהג, זענען די ברכות געהערט געווארן אין זיינע אויערן ווי אנגענעמע קלאנגען פון א הימל'ישן ליד, און ער האט זיך געפריידט צו פארענדיגן יעדע שטיקל מיט א 'אמן'.

שמחה ענדיגט, און ר' יצחק אין זיין רייע הייבט אן זאגן די ברכות, איינס נאכן צווייטן. א גערוך פון התחדשות פילט זיך אין די לופט. די היינטיגע דאווענען איז אינגאנצן אנדערשט פון די נעכטיגע. א תפילה וואס הייבט זיך אן מיט שלימות'דיגע ברכות איז מיט מער כוונה, און עס ווערט מער אנגענומען, רבי יצחק האט שוין ערפארונג אין דעם... ווען די דאווענען ענדיגט זיך גייט ר' יצחק צו זיין צווייטע 'חברותא', אין א בחי' פון "ילכו מחיל אל חיל", דאס מאל א 'חברותא' צום לערנען.

אויפסס... וואו איז די גמרא?! ער האט עס פארגעסן אין שטוב... א זעלטענע פאסירונג פאר א מסודר'דיגער מענטש ווי ר' יצחק, אבער ביי יעדן קען פאסירן... נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה האט ער געבעטן פון זיין 'חברותא' ער זאל צו ווארטן עטליכע מינוט, און איז געלאפן צו זיין אויטא אהיים פארן, ברענגען די גמרא.

פון די אנדערע זייט פון די גאס האט ר' יצחק שוין באמערקט דער ארבעטער ביי אים אין הויף. ר' יצחק וואוינט אין א ווילא וואס איז ארום גענומען מיט א צוים פוןביימער. פארשטייט זיך אז פון צייט צו צייט ווען עס צוואקסט זיך דארף מען עס אביסל אפשניידן.

נעכטן האט ער אים באשטעלט ער זאל קומען אפשניידן און פארריכטן דעם צוים, און יעצט איז ער נישט איבערראשט געווען אים צו זען ווי ער ארבעט זייער פלייסיג.

פון יעצט און ווייטער ווען מיר די איבערגעבן די ערלויבעניש צו 'רעדן' פאר די סקיורעטי' קעמערע'ס:

די ערשטע סקונדע ווייזט די ווידיאו ווי דער ארבעטער איז באשעפטיגט אין זיין ארבעט, אין די הענט האלט ער די שווערע עלעקטערישע זעג וואס ליגט אויף א לאנגע שטאנג, ארום צוויי מעטער זיין לענג. ער הייבט אויף דעם זעג אויף ארויף און שניידט אפ די אויבערשטע טייל פון די צוים. הויפנ'ס פון גרינע בלעטער פאלן אראפ אויף די טראטואר.

אין די צווייטע סקונדע זעהט מען ווי ר' יצחק דערנענטערט זיך ווען ער איז אנגעטון אויף זיין פנים א קאראנע 'מאסק'. ער שטעלט זיך אפ אויף עטליכע סקונדעס און באטראכט די ארבעט ווען דער ארבעטער האט נישט באמערקט זיין אנקום. עס זעהט אויס אז ר' יצחק קווענקלט ביי זיך צי ער זאל אריינגיין, די זעג איז שווער און געפארפול, און דער ארבעטער איז געצווינגען עס אראפלייגן פון זיינע הענט פון מאל צו מאל.

ר' יצחק האט נישט קיין צייט, זיין חברותא ווארט... עס האט זיך אים געדאכט אז דער ארבעטער האט באמערקט אז ער וויל אריינגיין, און ער הייבט אן גיין מיט וואקלדיגע טריט צו די ריכטונג פון די טויער פון זיין הויף.

אבער דער ארבעטער וואס איז אנגעטון מיט אויער-שיצער'ס ער זאל נישט הערן די גרודער פון די זעג באמערקט נישט וואס עס טוט זיך ארום אים.

די קומענדיגע סקונדעס איז נישט איינגענעם צו קוקן, איין פוס פון ר' יצחק געפונט זיך שוין אין הויף, און פונקט דעמאלטס באשליסט דער ארבעטער זיך אביסל אפרוהען, ער דערנידערט די שווערע זעג, גראד אין די אויגן פונעם בעל הבית.

בררר... די שארפע ציין פון די זעג האלטן נאך אינמיטן שניידן, זיך עפענען און פארמאכן, פון אזא זאך קען ארויסקומען נאר איין זאך - א טראגעדיע וואס איז נישטא נאך אין איר גלייכן - אבער דאס מאל איז אנדערשט געווען.

דער זעג האט זיך פארכאפט אין די בריללן, און איז אראפגעטראסקעט געווארן אויף די בערגעלע פון די בלעטלעך וואס דעקן צו די טראטואר.

איין טריט איז נאר געווען צווישן אים און... ח"ו.

די קעמערע ווייזט ווי דער שאקירנדער ר' יצחק רייבט זיין נאז מיט ווייטאג, ווען ער מיטן ארבעטער קוקן זיך אן איינער דעם צווייטן שאקירט. זיי ביידע זעהן אויס אינגאנצן געפלעפט, ר' יצחק בייגט זיך אראפ אויפהייבן זיינע בריללן וואס איז געווארן ווי א פארקרימטע אייזן, און דא ענדיגט זיך די ווידיאו.

"נאך די אותיות 'אמן' זענען די אותיות 'בנס'" - האט ר' יצחק זיך דערמאנט אין די ווערטער פונעם קאזניצער מגיד ('נר ישראל' עניני חנוכה) - ווייל דורך ענטפערן אמן קומען אראפ נסים.

עס איז אים קלאר געווען וואס האט אים באשיצט דעם טאג, אבער ער האט זייער שטארק געוואלט פארשטיין וואס האט צוגעברענגט פאר יענעם קביעות'דיגן מתפלל צו ענדערן זיין פירונג און פון זיין אייגענע ווילן זיך ווענדן צו אים כדי אים מזכה זיין מיט זאגן ברכות השחר מיט א חברותא, פונקט היינט.

ר' יצחק איז צוריק אין שול, ער האט זיך געוואנדן צו ר' שמחה און אים דערציילט די ערציילונג. ר' שמחה הערט זיך צו, און ביים ענדע רופט ער אויס: "יעצט פארשטיי איך פארוואס האט דיר דער אייבערשטער מזכה געווען זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא, פונקט היינט...".

"איך האב דיר באמת געוואלט פרעגן" - האט ר' יצחק אויסגענוצט די געלעגנהייט כדי צו וויסן די ענטפער אויף די פראגע וואס האט אים געדרוקט - "וואס האט דיר צוגעברענגט פונקט היינט זיך מחזק זיין אין ענטפערן אמן".

"דו ווילסט וויסן דעם אמת" - רעאגירט דער חבר, "איך האב נישט קיין אנונג פארוואס איך האב באשלאסן צו קומען צו דיר, עס איז נישט געווען א אויספלאנירטע באשלוס פון פריער...".

נסתרות דרכי ה'.

shay עיצובים